גערטנער האָבן גענומען זײַנע קנעכט, און אײנעם
געשלאָגן, און אַן אַנדערן געטײט, און אַ דריטן
36 געשטײניקט. ער האָט װידער געשיקט אַנדערע
קנעכט, מער װי די ערשטע; און זײ האָבן מיט זײ
37 געטאָן דאָס זעלביקע. דערנאָך האָט ער געשיקט צו
זײ זײַן זון, און האָט געזאָגט: זײ װעלן זיך שעמען
38 פֿאַר מײַן זון. די גערטנער אָבער, װי זײ האָבן אים
דערזען, האָבן געזאָגט צװישן זיך: דאָס איז דער
יורש; קומט, לאָמיר אים טײטן, און צונעמען זײַן
39 ירושה. און האָבן אים גענומען, און אַרױסגע־
40 װאָרפֿן אינדרױסן פֿון װײַנגאָרטן, און געטײט. װען
דעריבער דער האַר פֿון דעם װײַנגאָרטן װעט קומען,
41 װאָס זשע װעט ער טון צו יענע גערטנער? זאָגן זײ
צו אים: ער װעט די רשעים אומברענגען אויף אַ
שרעקלעכן אופֿן, און דעם װײַנגאָרטן פֿאַרדינגען צו
אַנדערע גערטנער, װאָס װעלן אים אָפּגעבן די
42 פּירות אין זײערע זמנים. זאָגט ישוע צו זײ: האָט
איר קײנמאָל נישט געלײענט אין די כתובים:

דער שטײן, װאָס די בוימײסטערס האָבן
פֿאַרװאָרפֿן,
איז געװאָרן צום הויפּט פֿונם װינקל.
פֿונם האַר (ג־ט) איז דאָס געשען,
און עס איז אַ װוּנדער אין אונדזערע אויגן?

(תהלים קיח, כב, כג.)

43 דערפֿאַר זאָג איך אײַך: דאָס קעניגרײַך פֿון ג־ט
װעט אָװעקגענומען װערן פֿון אײַך, און געגעבן
44 װערן צו אַ פֿאָלק, װאָס ברענגט זײַנע פּירות. (און
װער עס פֿאַלט אויף דעם דאָזיקן שטײן, דער װעט
צעשמעטערט װערן; אויף װעמען אָבער ער װעט
45 פֿאַלן, װעט ער אים צעמאַלן.) און װען די הויפּט־
כהנים און די פּרושים האָבן געהערט זײַנע משלים,